# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# מַיין פַּרְשָׁה בִּיכְל

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

**כיתה ב׳ (א-ב)**

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

די וואך האבן מיר געלערנט:



# אינהאלט פון די וואך

**והוצאתי**

משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן אז דער באשעפער גייט אויסלייזן די אידן, ער האט געזאגט פיר לשונות פון גאולה: והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי.

די אידן האבן נישט געקענט צוהערן צו משה רבינו ווייל זיי זענען געווען זייער געפייניגט און פארפלאגט, דערפאר האבן זיי גארנישט געקענט הערן וואס משה האט זיי געזאגט, אבער משה האט געמיינט אז די אידן הערן אים נישט אויס, ווייל ער רעדט נישט קלאר, ווייל ער האט פארשטאפטע ליפן, וועט ער פאר פרעה אוודאי און אוודאי נישט קענען רעדן, און ער וועט אים זיכער נישט אויסהערן.

**תנו לכם מופת**

משה רבינו איז אלט געווען אכציג יאר, און אהרן איז אלט געווען דריי און אכציג יאר, ווען זיי זענען געקומען פאר פרעה, פרעה האט געזאגט פאר משה מיט אהרן: "געבט'ס מיר א צייכן [סימן] אז ענק האבן האבן א באשעפער", האט אהרן אראפ געווארפן משה'ס שטעקן אויף די ערד און ס'געווארן א שלאנג, האט פרעה אויך געהייסן פאר זיינע כישוף מאכער'ס זיי זאלן אויך אזוי טוהן, און זיי האבן אראפ געווארפן זייערע שטעקענעס און זיי זענען אויך געווארן שלענג, האט אהרן אנגעכאפט זיין שלאנג און ס'איז געווארן צוריק א שטעקן, און דער שטעקן האט איינגעשלונגען אלע שלענג פון די כישוף מאכער'ס.

**עשר מכות**

יעדע מכה איז געווען א חודש, דריי וואכן האט מען געווארנט, און איין וואך איז געווען די מכה אליין, און יעדע מכה איז געווען מדה כנגד מדה, אזוי ווי מיר וועלן ווייטער מסביר זיין יעדע מכה עקסטער.

**מכת דם**

דער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו, זאל זאגן פאר אהרן ער זאל שלאגן מיט זיין שטעקן אויף די טייך, און אלע וואסערן וועלן ווערן

איבערגעדרייט אויף בלוט, און נאר אהרן זאל קלאפן, און נישט משה, ווייל משה איז געראטעוועט געווארן ווען ער איז געווען ביי די וואסער, ווען בתיה האט אים ארויס גענומען,

פרעה מיט די מצריים זענען געשטראפט געווארן מיט בלוט, ווייל ער פלעגט זיך וואשן מיט די בלוט פון די אידישע קינדער.

**מכת צפרדע**

ווען ס'איז געקומען די צייט פון די מכה פון צפרדע, האט אהרן אויפגעהויבן זיין האנט העכער די טייך נילוס, און עס איז ארויס געקומען א גרויסע צפרדע, פון די טייך נילוס, די מצריים האבן געוואלט הרגענען די צפרדע האבן זיי געקלאפט מיט שטעקענעס, און דורך יעדע קלאפ איז ארויס אסאך צפרדעים, ביז ס'האט זיך אנגעפילט גאנץ מצרים מיט צפרדעים, דער באשעפער האט זיי געשטראפט מיט צפרדעים וואס איז אריין אין זייער גוף און געמאכט קולות, און זיי האבן נישט געקענט שלאפן, ווייל זיי האבן געפייניגט די אידן און זיי נישט געלאזט שלאפן.

**מכת כינים**

דער באשעפער האט געהייסן פאר אהרן ער זאל קלאפן אויף די ערד מיטן שטעקן, און אויך דא האט נאר אהרן געקלאפט און נישט משה, ווייל משה האט געהאט א טובה פון די ערד ווען ער האט באהאלטן דעם גוי וואס האט געשלאגן א איד, און נאכדעם וואס אהרן האט געקלאפט מיטן שטעקן איז געווארן די גאנצע לאנד פיל מיט כינים, און ס'האט זיי געמוטשעט און געקראצט די קאפ און אויך דער גאנצער קערפער.

די מכה פון כינים איז געקומען, ווייל זיי האבן געמאכט שווער ארבעטן די אידן און זיי האבן זייער שטארק געשוויצט, און זיי האבן נישט געהייסן די אידן זאלן זיך אפוואשן נאך די ארבעט.

**מכת ערוב**

עס זענען אנגעקומען קיין מצרים אלע סארטן חיות צו שעדיגן די מצריים, די מכה איז געווען מדה כנגד מדה, ווייל די מצריים האבן גענוצט די אידן צו פאנגען חיות ווען ס'איז זיי געווען שווער.

**מכת דבר**

אלע בהמות וואס זענען געווען אין פעלד זענען געשטארבן, די מכה איז געקומען אויף די מצריים אלס א שטראף ווייל זיי האבן אכטונג געגעבן אויף זייערע בהמות זיי זאלן נישט ארבעטן שווער, און זיי האבן גענוצט די אידן צו ארבעטן די ארבעט פון די בהמות.

**מכת שחין**

משה מיט אהרן האבן גענומען אין זייערע צוויי הענט די פאדער פון הייסע קוילן, און נאכדעם האט משה אלעס אריינגעלייגט אין איין האנט איז געווארפן צום הימל, און ס'האט זיך צושפרייט אויפן גאנצן לאנד, און ס'איז געקומען שחין אויף אלע מצריים, די מכה איז אויך געווען מדה כנגד מדה ווייל זיי האבן געשלאגן די אידן.

**מכת ברד**

משה רבינו האט אויפגעהויבן זיין שטעקן צום הימל, און ס'האט אנגעהויבן צו פאלן גרויסע שטיקלעך האגל געמישט מיט פייער, די מצריים וואס האבן געפאלגט און זיי האבן אריין גענומען די קנעכט מיט די בהמות אין שטוב זענען געראטעוועט געווארן, די מכה איז געקומען אויף די מצריים ווייל זיי האבן געווארפן שטיינער אויף די אידן, און וויבאלד דער באשעפער האט געוואלט ברענגען אויף פרעה מיט די מצריים אלע צעהן מכות, דעריבער האט ער שווער געמאכט די הארץ פון פרעה אז ער האט נישט געוואלט ארויס שיקן די אידן פון מצר

# שאלות מיט תשובות

**וועלכע פרשה איז די וואך?**

ווארא.

**ווער האט זיך באוויזן?**

דער באשעפער.

**צו וועמען האט זיך דער באשעפער באוויזן?**

צו אברהם יצחק און יעקב.

**פארוואס האבן די אידן נישט געקענט הערן משה רבינו?**

ווייל זיי זענען געווען זייער געפייניגט פון די מצריים.

**ווי לאנג איז געווען יעדע מכה?**

א חודש.

**ווער האט געשלאגן די וואסער מיטן שטעקן?**

אהרן הכהן.

**פארוואס נישט משה רבינו?**

ווייל די וואסער האט אים נישט פארפלייצט ווען ער איז געווען ביים קאסטן.

**פארוואס טאר נישט משה שלאגן די וואסער ווייל ער איז געראטעוועט געווארן?**

דאס הייסט א כפוי טובה (הסבר).

**פארוואס זענען די מצריים געשטראפט געווארן דוקא מיט בלוט?**

ווייל פרעה האט זיך געוואשן מיט אידיש בלוט.

**וויפיל לשונות פון גאולה איז דא?**

פיר.

**קענסטו זיי אויסרעכענען?**

והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי.

נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

## הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ו**

**השיב על שאלות פרשת השבוע:** ____________________

**שאלות איף כולל ענינים:** ____________________

**חומש:** ____________________

**ברכת המזון:** ____________________

**התנהגות כללית:** ____________________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________________

**התפלל:** ____________________

**הערות:** ____________________

**חתימת ההורים** ____________________

**נישט פארגעסן צוריק צו שיקן זונטיג**
**די מעשה ביכל**

# - כולל ענינים -

**<u>המשך סימן יז. כבוד און מורא:</u>**

ד. פארוואס האט די תורה הקדושה מחמיר געווען און כבוד פון טאטע-מאמע? ווען א מענטש באטראכט ווי גרויס און פיל, עס זענען די טובות, דאס גוטסקייט וואס די עלטערן זענען משפיע אויפן קינד, פארשטייט מען אז דער חוב צו זיי איז אויך אזוי גרויס. דאס גרעסטע און מערסטע וואס מען טוט פאר זיי איז אלץ נישט גענוג צוריק געצאלט, פאר אלעם וואס מען האט באקומען פון די עלטערן.

ה. דריי שותפים זענען דא ביי א מענטש: השי"ת דער באשעפער פון די וועלט, דער טאטע און די מאמע, די גרעסטע מתנה וואס איז דא אויף דער וועלט, דאס גרעסטע און בעסטע פון אלע פארמעגנס, דאס לעבן, האט מען באקומען פון די עלטערן, נו, קען א מענטש זיך באפרייען פון דעם פליכט, אפילו אויף איין רגע? צוריק צו צאלן כאטש נאר איין קליין חלק פון דעם, מיט דאנקבארקייט מיט מעשים און מיט אלעס וואס נאר מעגליך.

ו. און נישט בלויז דאס לעבן אליין געבן די עלטערן. פון ווען דאס קינד ווערט געבוירן נעמען די עלטערן ארום דאס קינד מיט אזויפיל ליבשאפט און געטריישאפט, מען באדינט דאס קינד ווי דאס קינד וואלט געווען דער הער, און זיי, די עלטערן, זיינע קנעכט, זיי זארגן וועגן שפייז, קליידונג, מעדיצינען, און וואס נישט? אלע באדערפענישן. זיי באשיצן פון אלעם שלעכטס, טאג און נאכט דאגה'ן זיי וועגן קינד, ווערט דאס קינד חלילה קראנק, זענען די עלטערן פון דעם פארקרענקט מער ווי דאס קינד אליין, זיי זענען מתפלל צו השי"ת פאר'ן געזונט פון קינד און זיי טוען דאס שווערסטע כדי צו ברענגען א היילונג.

ז. די עלטערן פירן דאס קינד אין גלייכן וועג, ערציען און לערנען דאס קינד תורה און מצוות, פון די פריסטע יוגנט, דערנאך זוכט מען אויס פאר'ן קינד דעם בעסטן בית חינוך, א גוטן מלמד און לערערין, ווער עס זאל דאס קינד ערציען צו שמירת תורה ומצוות, עלטערן שטרענגען זיך אן צו צאלן מלומדות, זייער אפט טיילט מען זיך מיטן ביסן פון מויל כדי צו האבן צו צאלן מלומדות, ספרים צו לערנען און אלע אנדערע וויכטיגע זאכן צום חינוך און תכלית פון קינד.

ח. מיט איין ווארט געזאגט, די עלטערן נעמען נישט אראפ דאס אויג ביז דאס קינד ווערט גרויס און באזארגט מיט אלעס וואס נויטיג אלץ א איד און אלץ א מענטש, צום לעבן, צום געזונט און צו דער צוקונפט, דורכצוגיין דאס לעבן אין גלייכן וועג, דאס אלעס טוהען די טאטע און די מאמע פאר'ן קינד. קענען מיר באגרייפן ווי גרויס איז דער פליכט פון קינד צו באהערן די עלטערן וואס האבן געגעבן אזויפיל גוט'ס?

ט. די חכמים זכרונם לברכה דערציילן (קידושין לא.), אז אפילו נישט אידן וואס זענען אנגעזאגט געווארן צו געבן כבוד פאר טאטע מאמע, פלעגן אויך מכבד זיין די עלטערן. אין די שטאט אשקלון איז געוועזן א מענטש, נישט קיין איד, מיטן נאמען דמא בן נתינא. זענען אמאל געקומען צו אים די אידישע חכמים קויפן דימאנט שטיינער וואס זענען געווען נויטיג צום אפוד, איינס פון די אכט קליידער וואס דער כהן גדול טוט אן ביי די עבודה אין בית המקדש, ער האט געקענט פון דעם פארדינען זעקס הונדערט טויזנט גאלדענע רענדלעך, אבער די שליסלען פון די קאסטן, וואו די שטיינער זענען געווען באהאלטן, זענען געלעגן צוקאפנס פון זיין פאטער וואס איז דעמאלטס געשלאפן, האט ער נישט געוואלט שטערן דעם טאטן אין זיין שלאף און האט נישט פארקויפט די שטיינער, אוועקלאזנדיג אזא פארדינסט. ער האט באקומען זיין גרויסן באלוינונג דערפאר, אזוי ווי די גמרא דערציילט. אזוי האט געטוהן איינער וואס איז נישט באפוילן געווארן, וויפיל דארף טוהן א אידיש קינד וואס איז אזוי שטרענג אנגעזאגט געווארן אויף כיבוד אב ואם פון השי"ת אליין אין אונזער תורה הקדושה.

י. דער אור החיים הקדוש זאגט (פ' יתרו), אז מצוות ענטהאלטן אין זיך וואונדערליכע טייערע סגולות, אויסער די גרויסע באלוינונג וואס השי"ת וועט עקסטערע באצאלן דערפאר, און די מצוה פון כיבוד אב ואם האט אין זיך די סגולה צו א שיין לאנג גליקליך לעבן, מיט עושר וכבוד דערצו.

יא. אויך איז מצות כיבוד אב ואם בשלימות מסוגל ניצול צו ווערן פון אנדערע עבירות.

יב. אויך איז כיבוד אב ואם פון די מצוות וואס מען באצאלט שכר אויך דא אויף די וועלט, אויסער דעם גרויסן אומשאצבארן שכר וואס ערווארטעט אויף יענער וועלט, ווי מען זאגט דאס יעדן טאג ביי ברכת התורה, אלו דברים שאדם אוכל

פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא, די משנה רעכנט אויס עטליכע מצוות, די ערשטע איז: כיבוד אב ואם.

יג. אויסער די גרויסע מצוה און פיל סגולות פון די מצוה, איז ראטזאם צו טוהן יעדע זאך אזוי ווי א קלוגער, געטרייער און ערפארענער מענטש טוט ראטן, ווי איז נאך דא מער געטריי, מער ערפארן, מער גוטע פריינט ווער עס וויל נאר די טובה פון מענטש ווי די אייגענע טאטע מאמע. און וואס עלטער זיי ווערן אלץ מער נוצליך און ערפארן זענען זייערע עצות, דעריבער איז די בעסטע עצה אייביג צו ראטן מיט יעדע זאך מיט די אייגענע עלטערן, און זיכער אנצונעמען זייער געטרייע און בארעכנטע עצה וואס זיי געבן מיט ליבשאפט און מיטן גאנצן הארץ.

יד. אויך איז די מצוה פון כיבוד אב ואם, א שוץ, א פעסטונג ניצול צו ווערן פון עשו'ס הענט, דער כח און זכות פון די מצוה היט און שיצט אונז אידן אין גלות, אז רשעים זאלן אונז נישט קענען קיין שלעכט'ס טאן.

טו. דער רבי ר' מענדעלע פון רימאנוב זי"ע זאגט, (ספר מנחם ציון פרשת בא) מיר אידן זענען מקיים די מצוה פון די תורה הקדושה אפילו אן א שום טעם, נאר וויבאלד השי"ת האט אזוי געהייסן, איז דאס אונז גענוג אויף צו טוהן בשלימות דעם רצון פון השי"ת, פונדעסטוועגן זעהן מיר אז די חכמים האבן געזוכט און געזאגט טעמים אויף די מצוות, ווייל ווען מען ווייסט און מ'שפירט א טעם פון די מצוה, איז זיכער אז מען טוט דאס מיט א באזונדער חשק, מיט א ברען און מיט פארגעניגן, עס שפירט זיך גאר א אנדערע טעם דערביי, דערפאר האבן מיר אויסגערעכנט פיל טעמים אויף מצוות כיבוד אב ואם, כדי דאס זאל געטוהן ווערן בשלימות מיט חשק מיט געפיל און מיטן גרעסטן פארגעניגן.

טז. אז מען איז מכבד טאטע-מאמע איז מען דורך דעם גורם אז הקב"ה זאל מאכן רוהען זיין שכינה צווישן אידן, ווייל הקב"ה זעהט אז מען איז מכבד עלטערן, זאגט ער איך קען אויך רוהען צווישן מענטשן, זיי וועלן דאך אוודאי מיר אויך מכבד זיין, איך בין דאך דער באשעפער און שפייזער פון די גאנצע וועלט, דעריבער דארף מען די מצוה פון כיבוד אב ואם צו האלטן טייער און חשוב, און דאס מקיים זיין שטענדיג מיט די גרעסטע שמחה און חשק אינטערעסע און תענוג, מיטן גרעסטן פארגעניגן און בשלימות.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. וואס טוט א קלוג קינד אלעמאל ?**

ער מאכט פרייליך זיין טאטע מאמע.

**ב. וואס טוט א נאריש קינד אלעמאל ?**

ער מאכט בושות פאר זיינע עלטערן.

**ג. ווי אזוי דארף מען מכבד זיין די טאטע מאמע ?**

מען דארף זיי מכבד זיין פרייליכערהייט.

**ד. ווען עס שטייט אין די תורה אז מ'דארף מורא האבן פון די טאטע מאמע, פארוואס שטייט קודם די מאמע ?**

ווייל פון די טאטע האט מען שוין ממילא מורא.

**ה. נאר ווען מ'איז א אינגל דארף מען מכבד זיין, זיין טאטע מאמע ?**

ניין, אויך א טאטע און א זיידע דארפן מכבד זיין זייערע עלטערן.